בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון מ"ח

פרשת תרומה
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א.

## • וָואס טוּ אִיךְ הַיינְט?

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### מֶעג אַ מְלַמֵּד גֵיין צוּ שִׂמְחוֹת?

פוּן אֵיין זַייט אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע זְכוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט אַז מִיר קֶענֶען אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז אַן אַחְרַיוּת, מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ אוּן מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז) אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט; אַ מְלַמֵּד דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן.מְלַמְּדִים פְּרֶעגְן מִיר: **"אִיךְ הָאבּ אַ קָאזִינְ'ס שִׂמְחָה, זָאל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה?"** זָאג אִיךְ אִים: דוּ קֶענְסְט אוֹיפְגֶעבְּן מְלוּמְדוּת, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גְלַייכְט צוּ גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּ מְסִיבּוֹת, צוּ אַ שָׁלוֹם זָכָר, וַואךְ נַאכְט, דִינֶער, - קֶענְסְטוּ גֵיין, דוּ קֶענְסְט טוּן וָואס דוּ ווילְסְט, בִּתְנַאי אַז דוּ גֵייסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַ אָפִּיס, דָארְט קֶענְסְטוּ קוּמֶען מִידֶערְהֵייט, דָארְט דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶערוּט, אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דוּ גֵייסְט אִין חֵדֶר צוּ קִינְדֶער מוּזְטוּ זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, גוּט אוֹיסְגֶעשְׁלָאפְן, אוּן אִין אַ גוּטֶע מוּט.

### אַ מְלַמֵּד אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט

אַסַאךְ מָאל פְּרֶעגְן מִיר מְלַמְּדִים אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן צוּ דַאוֶוענֶען אֵיינְס אַזֵייגֶער, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז לָאנְטְשׁ פַאר אַ שָׁעָה; אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט טָארְסְטוּ נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר, דוּ מוּזְט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה, אוּן אֵיינְס אַזֵייגֶער וֶועסְטוּ דַאוֶוענֶען, (מֶען טָאר נִישְׁט דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעט, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר), פְּרֶעגְן זֵיי, מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, **"וָואס טוּ אִיךְ, אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג, אִיךְ מֶעג אַרַיין גֵיין הוּנְגֶערִיג אִין כִּתָּה?"** אִיךְ עֶנְטְפֶער: **"דוּ מוּזְט עֶסְן פַאר דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין כִּתָּה! מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה צוּ קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אַ גוּטֶע עֶסְן, אוּן מֶען אִיז רוּאִיג!"** - אֵיי מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען? - הָאסְט אַ בְּרֵירָה צוּ וֶוערְן אוֹיס מְלַמֵּד!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט לֶערֶערִינְס; בָּרוּךְ הַשֵּׁם וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי בֵּית פֵיגָא דָא אִין שְׁטֶעטְל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין לֶערֶערִינְס פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט בֶּעטְן צְוֵויי מִשְׁפָּחוֹת פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין זִיךְ אַרוֹיס צוּ צִיעֶן קַיין לִיבֶּערְטִי צוּ זַיין לֶערֶערִינְס אִין שְׁטֶעטְל, הַיינְט הַאלְט מֶען שׁוֹין פַארְקֶערְט, הַיינְט דַארְף אִיךְ שׁוֹין בֶּעטְן פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זֵיי זָאלְן מַסְכִּים זַיין

א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

לרגל א יאר פונעם גליון

יואל רוטה
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

Rabbi Yoel Roth
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן אַ יָאר פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם הֶערְלִיכְן גִּלְיוֹן 'שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ'. דֶער גִּלְיוֹן הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה אִין דִי וֶועלְט; אֲפִילוּ דִי וָואס ווִילְן נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין הַאנְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ צֶעטְל- אָבֶּער דֶעם גִּלְיוֹן נֶעמְט מֶען יָא, וַוייל אַלֶע דַארְפְן עֵצוֹת אוֹיף חִינוּךְ; אַלֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן אִין דֶעם עִנְיָן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, וַוייל דִי וֶועלְט דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם; עֶס בְּלָאזְט לִינְקֶע ווִינְטְן, אוּן דִי חִינוּךְ פוּן דִי אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִיז אִין אַ סַכָּנָה, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי מְחַנֵּךְ זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג זָאלְסְט גֶעבְּן פַאר הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר דֶעם גִּלְיוֹן עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גִּלְיוֹן אֵיידֶער מֶען דְרוּקְט דָאס, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

יואל רוטה

צו זיין לערערינס אין וויליאמסבורג... איך האב געבעטן צוויי משפחות וואס האבן שוין געוואלט זיך ארויס ציען אין שטעטל, אז זיי זאלן נאך בלייבן אין וויליאמסבורג, ווייל איך האב נאכנישט קיין אנדערע לערערינס פאר וויליאמסבורג.

מען איז דורך געגאנגען מיט די מנהלת די ליסטע פון לערערינס, זייער אסאך ווילן זיין לערערינס, מיר האבן שוין מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גענוג לערערינס פאר'ן קומענדיגן יאר, דערפאר ווער עס נעמט אן די ארבעט מוז זיין ערנסט ביי די ארבעט, ווער עס וויל פארברענגען די נעכט, זאל גיין פארברענגען, אבער אז איך בין א מלמד אדער לערערין דארף איך זיין אויסגערוט און אנגעגרייט.

## וואס טו איך היינט?

איינע פון די לערערינס האט מיר געשריבן א בריוו, **"דער ראש ישיבה ווייסט וואס עס טוט זיך אפ אין אפיס? מען טרעט אויף די לערערינס ווי מיסט! ווען איך קום בעטן א צעטל, שיקט מען מיך ארויס, און ווען איך קום בעטן א מארקער אדער סקאטש טעיפ, דארף איך פאר'משכון'ען אן אויער רינגל"**... איך האב צוריק געשריבן אז איך וועל רעדן צו די אפיס; מען דארף נישט פאר'משכון'ען קיין צירונגען ווען מען קומט בעטן א מארקער אדער סקאטש טעיפ, אויב עפעס קומט נישט צוריק, קען מען שיקן א ביל (רעכענונג) פאר'ן ראש ישיבה, איך וועל באצאלן די שאדן.

אבער דאס וואס די אפיס געבט נישט קיין צעטלעך אינמיטן טאג, - דאס האב איך פארלאנגט פון די אפיס מען זאל אזוי טון, אז א לערערין האט נישט וואס צו טון אינמיטן טאג מיט די קינדער, קען זי נישט זיין קיין לערערין!

דו קענסט נישט קומען פרעגן אינמיטן טאג: **"וואס טו איך היינט?!"** - היינט טוט מען שוין גארנישט... היינט קענסטו אהיים גיין! וואס הייסט אז א מלמד אדער לערערין ווייסט נישט וואס ער גייט היינט טון? אנהייב וואך דארף מען שוין וויסן וואס מען גייט טון די גאנצע וואך, און מען דארף שוין אנהייבן טראכטן וואס מען גייט טון קומענדיגע וואך.

א מלמד, א לערערין, דארף קענען דעם לוח, דו ווייסט אז עס קומט א יום טוב? דו האסט בכלל געוואוסט אז די וואך איז חמשה עשר באב? דו ווייסט אז קומענדיגע וואך בענטשט מען שוין ראש חודש אלול? מען דארף שוין האבן אנגעגרייט פאר די קליינע קינדער בילדער פון א שופר, פון האניג.

מען קען נישט אנקומען אין שולע און זאגן: **"היינט האב איך נישט וואס צו טון, היינט וועט מען גיין שפאצירן"**, עס איז נישטא אזא זאך אז ווען מען האט נישט וואס צו טון זאל מען גיין שפאצירן, שפאצירן איז א זאך וואס מען ווייסט ווען מען גייט דאס טון, למשל, 'קומענדיגע וואך מאנטאג גיי איך מאכן א שפאציר', מען דארף זיין אנגעגרייט פאראויס, מען דארף זיין דערביי ביי די ארבעט.

אויב איינער האט עפעס א טענה אויף די מוסד, דארף מען עס דורך רעדן מיט'ן מנהל אדער מנהלת.

## דער אייבערשטער באצאלט צוריק

דאס זאלט איר געדענקען, אז מען טוט פאר יענעמ'ס קינדער, און מען טוט עס מיט הארץ, מיט די נשמה, מיט איבערגעגעבנקייט, העלפט דער אייבערשטער צוריק ביי די אייגענע קינדער למעלה מדרך הטבע.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה ביי די קינדער, און מיר זאלן אויך זוכה זיין צו האבן הצלחה און נחת פון די אייגענע קינדער, אמן.

## מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען מיר א נייע שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן פאר מחנכים, זונטאג פרשת כי תבוא, שנת תשפ"ג לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א.

**דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן:** געלויבט דער הייליגער באשעפער אז מיר ענדיגן נאך א יאר חדר און שולע, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף הייבן מיר אן א פרישע יאר, שנת תשפ"ד.

איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיר האבן גוטע מלמדים און לערערינס; אין אנהייב ווען מיר האבן געעפנט די שולע האבן מיר נישט געהאט וועמען צו נעמען פאר לערערינס, מיר האבן גענומען אביסל לערערינס, ברוך השם אז היינט זענען אלע איינגעשטעלטע די בעסטע פון די בעסטע.

## מען מוז זיין צייטליך!

די ערשטע זאך אויב עטץ ווילטס מצליח זיין, מוז מען זיין צייטליך.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיין צייטליך, און מען דארף שוין טראכטן א טאג בעפאר: 'ווען גיי איך שלאפן? וואו זאל איך גיין? זאל איך יא אויפזיין? זאל איך נישט אויפזיין? זאל איך גיין פארברענגען? איך בין דאך איינגעשטעלט אין די הייליגסטע פלאץ, איך בין דאך איינגעשטעלט מיט קינדער!'

אז מען איז צייטליך האט מען הצלחה!

## א קליינע קניפ אין בעקל

מיין קליינער זון פון כתה ב' האט געהאט פאר צוויי וואכן א סאבסטיטוט (במקום מלמד), איין טאג קומט ער אהיים פון חדר און זאגט פאר מיין ווייב: **"מיין רבי איז נישט קיין גוטער רבי, היינט האט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען"**, איך האב זיך געוואונדערט וואס גייט פאר, ווייל איך האב געמיינט אז דער מלמד איז מצליח מיט די קינדער, שפעטער טרעף איך דעם מלמד, איך פרעג אים: **"וואס גייט פאר מיט דיר? איך האב געמיינט דו ביסט מצליח, מיין זון זאגט אז דו הערסט נישט אויף צו שרייען"**, זאגט ער מיר: **"היינט איז געווען אן אויסנאם, היינט האב איך געשריגן א גאנצן טאג, פארוואס? ווייל היינט בין איך פארשלאפן, איך בין גלייך פון בעט געלאפן אין חדר און איך האב נישט געהאט קיין צייט צו עסן פרישטאג"**, זאג איך אים: 'דו זעסט אפילו קליינע קינדער ווייסן שוין צו זאגן אז 'היינט האט מיין רבי געשריגן א גאנצן טאג', און פארוואס האט דאס פאסירט? ווייל דער רבי איז נישט געגאנגען שלאפן צייטליך און דער רבי איז אנגעקומען שפעט אין חדר.

דעם קומענדיגן טאג קומט מיין זון אהיים, ער דערציילט פאר מיין ווייב: מיין רבי איז אזא גוטער רבי, ער זאגט: **"ווער עס גייט שיין דאווענען גייט באקומען א קניפ אין בעקל פון דער רבי"**, די גאנצע כתה האט געשריגן ביים דאווענען און

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א.

## • אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל...

יֶעדֶער אִיז גֶעזִיצְן שֵׁיין אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, יֶעדֶע פוּפְצְן מִינוּט הָאט עֶר אַרוֹיף גֶערוּפְן אַ קִינְד אוּן גֶענוּמֶען זַיינֶע צְוֵויי פִינְגֶערְס אוּן גֶעגֶעבְן אַ קְלֵיינֶע קְנִיפּ אִין בֶּעקְל, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע רֵייץ אִין חֵדֶר וֶוער עֶס וֶועט בַּאקוּמֶען אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל פוּן דֶער רֶבִּי, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער, נִישְׁט קַיין פְּרֵייזֶעס, נִישְׁט קַיין נַאשׁ, אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוֹיס שִׁיקְן, מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעדַארְפְט שִׁיקְן צוּ דִי אָפִיס, מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעדַארְפְט קַנְס׳עֶנֶען.

אִיךְ רוּף אָן דֶעם מְלַמֵד אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים: ״**דִי קִינְדֶער הָאבְן הַיינְט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן חֵדֶר, וָואס אִיז גֶעוֶוען הַיינְט אַז דִי קִינְדֶער הָאבְן אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִיר?**״ זָאגְט עֶר מִיר: ״**הַיינְט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צַייטְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט פוּן דִי עֵצָה אַז וֶוער עֶס גֵייט זַיין וואוֹיל גֵייט בַּאקוּמֶען אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל**״.

אַז דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיסְגֶערוּט אִיז עֶר רוּאִיג, עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוּן קַנְס׳עֶנֶען, אֵיין טָאג גֶעבְּט עֶר אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל פַאר וֶוער עֶס אִיז וואוֹיל, דֶעם צְוֵוייטְן טָאג גֶעבְּט עֶר גְלֶעט אוּן זָאגְט פַאר׳ן קִינְד: ״**דוּ בִּיסְט זֵייעֶר וואוֹיל**״, אַזוֹי ווִילְן דִי קִינְדֶער זַיין וואוֹיל.

### וָואס דַארְפְן קִינְדֶער?

קִינְדֶער וֶוערְן צוּפְרִידְן מִיט אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל, זֵיי דַארְפְן גָארְנִישְׁט מֶער, קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין הַאֶוועְרְבָּאוּרְד, קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין בֵּייק; אַוַודַאי 'וִוילְן' זֵיי עֶס הָאבְן, אָבֶּער דֶער מְלַמֵד אוּן דִי לֶערֶערִין קֶען אָנְדְרֵייעֶן אַ גַאנְצֶע כִּתָּה צוּ זַיין וואוֹיל אוֹיבּ עֶר אִיז אוֹיסְגֶערוּט אוּן עֶר אִיז רוּאִיג, אַפִילוּ מִיט אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל אוּן מִיטְ׳ן מַאכְן 'וואוֹילֶע'.

### דִי סְקוּל אִיז בַּיי מִיר וִויכְטִיגֶער פוּן דִי חֵדֶר!

אִיךְ בֶּעט עֶנְק אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְץ יָאר וָואס אִיךְ זָאג עֶנְק יֶעצְט, אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶען עֶנְק מְחַזֵק זַיין אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דִי מוֹסָד אִיז בַּיי מִיר דֶער עִיקָר פוּן דִי שְׁטֶעטְל, בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר 'דִי חֵדֶר אוּן דִי שׁוּלֶע', אוּן אִיךְ וִויל אוֹיךְ אַז דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג, וַוייל דִי סְקוּל אִיז בַּיי מִיר ווִיכְטִיגֶער פוּן דִי חֵדֶר! פַארְוָואס? וַוייל אַ מֵיידְל וָואס אִיז אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זִי אִיז מְסוּדָר אַלְס קִינְד, זִי הָאט לִיבּ צְנִיעוּת, זִי הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁנַיידְט עֶס פַאר אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען קֶען אִיר שְׁפֶּעטֶער נִישְׁט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן, אַ פְּרוֹי קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן וָואס מֶען הָאט אִין אִיר אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אִירֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט קוּמֶען נָאךְ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי אִידִישֶׁע פְרוֹי!

### אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט זֶענֶען דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר!

בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת הָאט מֶען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אַלֶע מְלַמְדִים, לֶערֶערִינְס אוּן סֶעקְרֶעטֶערִיס הָאבְּן אַ פַּארְטְנֶער (שׁוּתָּף); מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן 'אִיךְ קֶען נָאךְ שְׁלָאפְן נָאךְ פוּפְצְן מִינוּט וַוייל מַיין פַּארְטְנֶער וֶועט שׁוֹין קֶעיר נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער', נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ', זָאלְסְט ווִיסְן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען הֶפְקֵר אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט.

מֶען דַארְף זַיין אִין צַייט, דֶער פַּארְטְנֶער אִיז גֶעמַאכְט אַז אוֹיבּ דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל זֵיי גֵייעֶן אִין בֵּית הַכִּסֵא, טָאר מֶען נִישְׁט אִיבֶּער לָאזְן קַיין אֵיין קִינְד אָן דֶעם אוֹיפְזִיכְט פוּן אַ מְלַמֵד, אַ קְלֵיין קִינְד קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ פַאלְן פוּן אַ טִישׁ וְכַדוֹמֶה, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְן צְוֵויי מְלַמְדִים, אֵיינֶער וָואס זָאל מִיט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא אוּן דֶער אַנְדֶערֶער זָאל בְּלַייבְן אִין כִּתָּה, אָבֶּער אִיךְ מוּז זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער אַנְדֶערֶע וֶועט שׁוֹין קֶעיר נֶעמֶען!

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

### וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אָפּ מִיט אַ יָתוֹם אִין קְלַאס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן צוּם נֵייעֶם זְמַן בַּאקוּם אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַלְס תַּלְמִיד אַ קִינְד וָואס אִיז אַ יָתוֹם פוּן זַיין טַאטֶע. בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וָואס דָאס מֵיינְט, מִמֵילָא אִיז מִיר טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין, אִיךְ וִויל אָבֶּער ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים, וַוייל חֲזַ״ל זָאגְן כָּל הַמַּצִיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵם עוֹלָם מָלֵא, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

וָואס אִיז מַיין חוֹב זִיךְ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר אִים מֶער וִוי פַאר אַן אַנְדֶערֶער קִינְד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה מְאוֹד, דַיין שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵד זֵייעֶר חָשׁוּב, בִּפְרַט וֶוען דֶער מְלַמֵד גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי תַּלְמִידִים ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְט אִיז עֶר נָאךְ מֶער חָשׁוּב אִין הִימְל. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): ״כָּל הַמְלַמֵד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יָלְדוֹ״, וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז דָאס אַזוֹי ווִי זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; אוּן ווִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן, אַז דָאס אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען גֶעבְּט דֶעם מְלַמֵד אַ גוּט וָוארְט, נָאר דָאס אִיז אַן הִתְחַיְבוּת, מֶען זָאגְט פַאר׳ן מְלַמֵד 'וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִיט תַּלְמִידִים זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן כְּאִילוּ יָלְדוֹ – דָאס אִיז אַזוֹי ווִי דוּ לֶערְנְסְט מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער'.

דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקֵךְ מִיוֹשְׁבֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אַז דַיין לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן; מִיט לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה. בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ הַארְצִיגֶער מְלַמֵד, דוּ זָארְגְסְט פַאר דַיינֶע תַּלְמִידִים, דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי

- בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אַמָאל זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעסְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט קְלֵיידֶער? שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין אַזַא גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פְרֶעגְט דִיר 'וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן זִיבֶּעצִיג יָאר? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט בֶּעקִיטְשֶׁעס? זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?'" מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דַארְפְסְט דָאךְ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן 'זִיבֶּעצִיג יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער'".

בְּנוֹגֵעַ דֶעם יָתוֹם; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים מֶער וִוי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וַוייל יְתוֹמִים זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז זֵייעֶר טַאטֶע, עֶר נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי, עֶר אִיז דֶער (תְּהִלִּים סח, ו): "אֲבִי יְתוֹמִים".

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער וֶועגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דוּ זָאגְסְט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶר טַאטֶע אָדֶער זָאלְן מַאכְן נַחַת פַאר זֵייעֶר טַאטֶע, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דֶעם יָתוֹם; אִים גֶעבְּן אַ וֶועג מִיט זַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם, זָאלְסְט בַּאזוּנְדֶער מַאכְן אַן עֵסֶק פוּנֶעם יָתוֹם, זָאלְסְט אִים זָאגְן: "דַיין טַאטֶע אִיז אִין הִימְל, אִין גַן עֵדֶן נֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר זֶעט וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, עֶר הָאט נַחַת פוּן דִיר, עֶר זָארְגְט פַאר דִיר".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁרֶעק פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטַארְבְּן; רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַז שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט - גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן, דָארְט לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה מִיט אַלֶע צַדִיקִים אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין גַן עֵדֶן אִיז דָא אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מֶען אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַלֶע אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים, עֶס גֵייט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען וִוי אַלֶע טַאטֶעס, זֵיידֶעס, עֶלְטֶער זֵיידֶעס, עֶלְטֶער עֶלְטֶער עֶלְטֶער זֵיידֶעס גֵייעֶן אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט בִּיז יֶעצְט, בְּדֶרֶךְ כְּלַל פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר מְלַמְּדִים שְׁנֶעלֶער וִוי אַנְדֶערֶע בְּרִיוו; עֶס הָאט זִיךְ יֶעצְט פַארְשְׁלֶעפְּט צוּלִיבּ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת בראשית תשפ"א)

## פַארְוָואס דַארְף מַיין בָּחוּר אוֹיפְשְׁטֵיין אַזוֹי פְרִי פַארְטָאגְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן אִיז אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען גֵייט דָארְט אַהֵיים שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אוּן אִינְדֶערְפְרִי דַארְף אִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיפְוֶועקְן גָאר פְרִי פַארְטָאגְס, עֶס רֶעגְט מִיר זֵייעֶר אוֹיף, וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס רֶעגְט אַייךְ אוֹיף? דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר זוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג פַאר עֶלְטֶערְן, צוּ זֶען דִי קִינְדֶער גֵיין אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער! וִויפִיל עֶלְטֶערְן זֶעעֶן זֵייעֶר קִינְד גֵיין אַרְבֶּעטְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶע'חַלְשְׁ'ט אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל גֵיין אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, וָואס אִיז אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם?!

אַז אִיר וֶועט אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט וַוארֶעמְקֵייט, מִיט אַ גוּט וָוארְט, מִיט עֶסְן וְכַדוֹמֶה, אוּן אִיר וֶועט אִים אוֹיפְוֶועקְן אִינְדֶערְפְרִי עֶר זָאל גֵיין לֶערְנֶען - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס בְּרֶענְגְט זֵיי לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר.

אַ גוּט וָוארְט פוּן אַ מַאמֶע אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַ וַוארֶעם וָוארְט וָואס אַ מַאמֶע גֶעבְּט פַארְ'ן בָּחוּר, זִי מַאכְט אִים זִיךְ גוּט שְׁפִּירְן; זִי רוּמְט אִים, סֵיי דִירֶעקְט אוּן סֵיי אוּמְדִירֶעקְט, דָאס הֵייסְט זִי זָאגְט אַ גוּט וָוארְט אוֹיפְ'ן קִינְד פַארְ'ן מַאן גֶענוּג הוֹיךְ אַז דֶער קִינְד זָאל הֶערְן - דָאס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס קֶען אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / -444-9169'212
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876